# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʻa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

.ח

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

יְעֶנֶעם מֶענְשֶׁען בֶּעשִׁיצְט דִיא תּוֹרָה, עֶר בְּרוֹיךְ קֵיין גְעוֶועהר, דִיא תּוֹרָה אִיז בֶּעסֶער וִויא אַגוּטֶער פַּאנְצֶער.

— וִויא עֶס וַוייזְט אוֹיס — הָאט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעזָאגְט צוּא זִיךְ אַלֵיין, אִיז דֶער רֵייזֶענְדֶער אַלְמָדָן, אוּנ אַפְּרוּמֶער, אַז וֶועל אִיךְ נֶעהְמֶען וִויא זַיין תּוֹרָה אוּנ זַיינֶע מִצְוֹת וֶועלֶען אִיהם בַּאשִׁיצֶען פוּן מַיין הַאנְד.

# ח.

אִין יֶענֶעם אוֹיגֶענְבְּלִיק הָאט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער פַארְלָאזְען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז גֶעוֶוען פִינְסְטֶער פַארְוָואלְקֶענְד, אַקְלֵיינֶער רֶעגֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אוֹיבֶּען, אַבְּלֵיץ נָאךְ אַבְּלֵיץ אַדוּנֶער נָאךְ אַדוּנֶער וָואס וַוייטֶער אִיז גֶעוָוארֶען דֶער רֶעגֶען שְׁטַארְקֶער, נָאר דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט דֶער רֶעגֶען נִיט אָבְּגֶעהַאלְטֶען, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס רְצִיחָה אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס עֶס פִיהְרְט אִין שְׁטָאדְט, פְּלוּצְלִינְג (פִילֵייכְט) וֶועט עֶר טְרֶעפֶען רַבִּי מֵאִיר׳ס בְּרוּדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט גֶעמַזְרֶת דֶעם נָאמֶען „כִּי טוֹבִי״ עֶר זָאל אִיהם נִיט פַארְגֶעסֶען, אָבֶּער עֶר הָאט אוֹיף דֶעם וֶועג אִים נִיט גֶעטְרָאפֶען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַוַוייטֶע וֶועג אוּנ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וואוּ רַבִּי מֵאִיר הָאט אִיהם בַּאצֵייכֶענְט דֶעם אָרְט וואוּ עֶר הָאט גֶעלָאזְען זַיין בְּרוּדֶער „כִּי טוֹבִי״ דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט דָארְטֶען גֶעפְרֶעגְט בַּייא פִיל מֶענְשֶׁען, וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וואוּ אִיז „כִּי טוֹבִי״ אוֹיךְ גֵייעֶנְדִיג אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעטְרָאפֶען הָאט עֶר דִיא זֶעלְבִּיגֶע פְרַאגֶע גֶעפְרֶעגְט, צוּ זַיינֶעם בֶּעדוֹיעֶרֶען הָאבֶּען אַלֶע אַיין נָאךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט דָאס זַייא וַוייסֶען נִיט וואוּ עֶר אִיז אוּנ זַייא הָאבֶּען אִיהם קֵיין מָאל נִיט גִיזֶעהֶען, אוֹיךְ נִיט גֶעהֶערְט קֵיין מָאל פוּן אַמֶענְשֶׁען וָואס זַיין נָאמֶען אִיז „כִּי טוֹבִי״. אַגַאנְצֶע נַאכְט הָאט אִיהם דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעזוּכְט, זַיינֶע

(ר״ם בעל הנס) קליידער

קליידער זיינען גאס (צו ווייקט) געווארען פון רעגען, ער האט געזעהען דאס זיין זאכען איז אומזאנסט, האט ער אנגעזאנגען צו פארשטיין דאס דער ביינעגדער האט איהם אבגענארט, איז ער שטארק אין כעס געווארען, ער איז געגאנגען צוריק אין זיין קרעטשמע, דיא גאנצע וועג האט ער געפלוכט דעם ביזענדען, אז ער איז געקומען אין קרעצמע איז שוין געוועזען גרויסער טאג, דיא גאנצע האט שוין לאנג אויפגעשיינט, דער קרעצמער האט געטראכטען וויא רבי מאיר האט זיך שוין לאנג אבגעוואשען, אבגעדאווענט, אבגעגעסען אונ געזאטעלט זיין עזעל, זיך געזעצט אויף איהם רייטען, גיין זיין וועג וואו ער ברויך.

וויא דער קרעטשמער האט איהם גיזעהען, איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען, אונ מיט גרויס גרימצארען האט ער צו איהם געזאגט איך האב געגלויבט אז דוא בינסט אפיינער מענש איך האב גירעכענט אז דוא ביסט איין ערליכער מאן, דוא וועסט קיין ליגען זאגען, נור יעצט זעה איך דאס איך האב אין דיא אגרויסע טעות געהאט, דוא ביסט אליגנער, אפאלשער מענש, אדרבה זאג דוא אליין, וואורום האסט דוא מיר אבגענארט? האב איך דען דיר גיפרענט; אויב דוא האסט אברודער אדער גיין? אמענש זאל זיך אויסטראכטען אזא ליגען וואס פאר איין אורזאכע האט דיר געבראכט מיר אזוי פיעל אב צוא נארען? ביידענדיג איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען, ער האט גיקריצט מיט דיא ציינער אונ האט גערעדט אזעלכע שלעכטע נארעשע רייד וואס עס פאסט ניט איבער צו ריידען.

— חלילה! — האט רבי מאיר גיענטפערט — איך האב דיר ניט אבגענארט, איך האב פיינד צו זאגען ליגען, אויף מיין נאוצען לעבען האב איך קיין ליגען געזאגט, נור יעצט וועל איך דיר זאגען דיא אורזאכע דערפון דיא מעשה איז אזוי: וויא איך בין אהער אין קרעטשמע געקומען אונ איך האב דיר נור דער זעהען, האב איך דיר ניט גערעכענט פאר אפיינעם מענשען וויא

דוא זאגסט אויף מיר, איך האב געזעהען פון דיינע אויגען אז דוא ביסט ניט אגלאטער איינפאכער מענש... דער צו האט זיך מיר געחלומ'ט אייער אשרעקליכען חלום, אט וויא איך האב נור איין געדרעמעלט האט זיך מיר געדוכט אז דוא פיהרסט מיך טיעף אין וואלד אריין און דארטען האסט דוא מיך איבער געגעבען צו שלעכטע מענשען אין זייער האנד, זייא האבען מיך אנגעפאנגען שטיקען מיין האלדז. פון גרויס יסורים און שרעק האב איך אויף געוואכט, און איך האב געזעהען וויא דו שטייסט איבער מיר און זאגסט דאס דוא וועסט מיר פיהרען ווייזען דיא וועג איז געפאלען אשרעק אויף מיך, נור גאט האט געטאהן מיט מיר אנס. עס איז מיר געלונגען געוועזען דיר צו זאגען איין אנטוואָרט וואס דאס איז קיין ליגען, ווייל דיא גאנצע נאכט האב איך געוואַרט אויף דיא ליכטיגע זון זיא זאל אויפשיינען. דער טאג זאל קומען. דער טאג איז אגוטער ברודער אין איין נויטה אין אצרה וואס קאן ביים נאכט טרעפען חלילה דורך גזלנים, רויבער מערדער און ווילדע חיות, דורך דיא ליכטיגקייט פון טאג קאן מען געראטעט ווערען פון זייערע הענד, אט אין דיא הענד פון דעם טאג בעהאלט דער מענש זיין לעבען און זיין גאנצען פארמעגען; און ביים נאכט לערינט ער דיא תורה וואס זיא איז געגליכען צו אליכט וואס לייכט אין אפינסטערע נאכט. דיא תורה בעשיטצט דעם מענשען פון טויט שרעקעניש, גאט האט געזעהען דיא ליכטיגקייט דאס זיא איז גוט. האט ער איהר איין נאמען געגעבען "כי־טוב" אט דער "כי טוב" דיא ליכטיגקייט איז מיין ברודער. אויף דעם ברודער דיא ליכטיגקייט האב איך געוואַרט אגאנצע נאכט און אויף דעם טהייערען גוטען ברודער האב איך געזאגט ברוך הבא!.

— אבער ווארום האסט דוא מיר געזאגט דאס דיין ברודער איז אין בית המדרש? — האט דער קרעטשמער געפרעגט.

— ווייל אין בית המדרש לערענט מען דיא תורה — האט

(רם בעל הגם)

רבי מאיר געענטפערט. — און די תורה ניט נוצע געדאנקען וויא צו היידען און וואס צו טאהן דורך די תורה געפינט אמענש אנוטצען באמת אין אנויט, די תורה רעטעט איהם פון אלע אונגליקען. רבי מאיר האט געענדינט ריידען, און איז גליקליך אוועק געריטען אויף זיין אייזעל.

## ט.

רבי מאיר פלעגט אלע פרייטאג צו נאכט דרשענען אין בית המדרש באלד נאך קבלת שבת, און אנעלערענטע פרויא איז אלע מאל געקומען הערען זיינע קלוגע דרשות, עס האט אמאל גיטראפען דאס די דרשה האט געדויערט אלאנגע צייט, עס האט זיך פארצויגען שפעטליך אין דער נאכט. און די פרויא איז גיזעסען אין די וייבערשע שול ביז ער האט געענדיגט זיין דרשה.

נאך דער דרשה איז זיא געגאנגען אהיים, זיא איז געקומען צו הויז האט זיא דארט געפונען די ליכט אויס ניברענט, אין שטוב איז גיוועזען פינסטער איהר מאן האט אויף איהר געשריען: וואו ביסט דוא אזוי שפעט גיוועזען? גיי אנדערש, דוא ביסט מיר אונטרייא גיווארען...

די פרויא האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. זיא האט געזאגט: גאט איז מיין עדות (צייגער) אז איך בין ריין פון זינד, איך האב מיין נפש ניט מטמא גיוועזען חלילה. איך בין דיר געטרייא מיט איין אמת.

— זאג מיר — האט איהר מאן געשריען — וואו, אין וועלכען ארט און ביי וועמען ביסט דוא אזוי שפעט גיוועזען, פון וואנען קומסט דוא יעצט אזוי שפעט אין דער נאכט.

— איך בין געוועזען אין בית המדרש — האט די פרויא זיך פארטיידיגט — איך האב געהערט די דרשות וואס רבי מאיר